**This is** also **the implication of the words** of the Mishnah, **"The dispute of Korach and his entire congregation…"**[7] **– that Korach and his congregation themselves were enmeshed in dispute. Although they shared one objective and opinion** regarding their rebellion against Moshe, **nevertheless, they were divided** internally. **The involvement of each of them was motivated solely by his own personal** interest.

c) **Even** their bond concerning **the external purpose is not something that will endure. Since the members of the association retain their own personal concerns and individual identities** – and they award **greater priority to these than their shared purpose – as such, when their individual concerns conflict with their shared purpose, they will separate from each other, and even the external connection** which brings about their association **will** eventually **dissolve.**

**This has been borne out in actual experience regarding many associations that appeared to have strong bonds.** However, **ultimately, the individuals involved could not get along with each other. The associations fell apart, and nothing remained of them.**

**Therefore, when one wants to create an association for the sake of discretionary matters, following** this **advice will ensure that the association will endure:** The members **should incorporate an element of Torah and its** ***mitzvos*** as part of the **foundation of the association. Through this, the association will endure even regarding the discretionary matters** with which it is involved.

---

7. *Avos* 5:17.

מְציאוּת און זַײנֶע הֶרְגֵשִׁים, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס בְּחִיצוֹנִיוּת לְגַבֵּי פּוֹעֵל מַמָּשׁ טוּעֶן זֵיי דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ.

- וָואס דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן דֶעם לָשׁוֹן[ח*], מַחְלֹקֶת קֹרַח וְכָל עֲדָתוֹ, אַז קֹרַח וַעֲדָתוֹ גוּפָא זַײנֶען גֶעוֶוען מְחוּלָק. כָאטשׁ זֵיי זַײנֶען גֶעוֶוען בְּעֵצָה וְדֵיעָה אַחַת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זַײנֶען זֵיי גֶעוֶוען מְחוּלָק, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אִין דֶעם גֶעוֶוען אוֹיסְן זַײן אֵייגֶענֶע מְציאוּת -

ג) אֲפִילוּ דֶער חִיצוֹנִיוּת'דִיקֶער עִנְיָן אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין דָּבָר שֶׁל קַיָּמָא. וָוארוּם וִוִיבַּאלְד אַז בַּיי דִי חַבְרֵי הָאֲגוּדָּה אִיז פַּארְבְּלִיבְּן אֵייגֶענֶע עִנְיָנִים און אֵייגֶענֶע מְציאוּת וָואס שְׁטֵייעֶן הֶעכֶער פוּן דֶער אֲגוּדָּה, בְּמֵילָא אִיז בְּשַׁעַת דָאס וֶועט שְׁטֶערְן צוּ זֵייעֶר מְציאוּת, וֶועלְן זֵיי זִיךְ אָפְּטֵיילְן אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן און עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיס אִיגוּד אֲפִילוּ בְּחִיצוֹנִיוּת.

וּכְמוֹ שֶׁרָאִינוּ בְּמוּחָשׁ בְּכַמָּה וְכַמָּה אִיגוּדִים וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי שְׁטַארְקֶע אֲגוּדוֹת, און צוּם סוֹף, הָאבְּן זֵיי נִיט גֶעקֶענְט דוּרְכְקוּמֶען צְווִישְׁן זִיךְ, דִי אִיגוּדִים זַײנֶען זִיךְ צֶעפַאלְן, און עֶס אִיז פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן.

דֶערְפַאר בְּשַׁעַת מֶען ווִיל מַאכְן אַן אִיגוּד צוּלִיבּ אַ צְוֶועק פוּן דִּבְרֵי הָרְשׁוּת, אִיז דִי עֵצָה טוֹבָה בִּכְדֵי דֶער אִיגוּד זָאל זִיךְ הַאלְטְן: מֶען זָאל אַרַײנְמִישְׁן אִין דֶעם אִיגוּד אַן עִנְיָן פוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת אַלְס אַ יְסוֹד אִין דֶעם אִיגוּד, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועט דָאס זַײן אַן אִיגוּד שֶׁל קַיָּמָא אוֹיךְ אִין דֶעם עִנְיָן הָרְשׁוּת.

## What Enables the Jews to Endure?

**4. This also provides an answer to** an ongoing enigma: the continued existence of **the Jewish people** – that they **are "one lamb amidst 70 wolves and yet she is preserved."**[8] The secret of Jewish survival is that **the 70 wolves are each a separate entity. By contrast, the Jews are all united; accordingly, they possess great strength.**

**The same applies among Jews themselves.** Those Jews who at present oppose the Torah and its *mitzvos* **not only lack a majority, they don't even have two people** bonded together, **since each one is a separate entity. By contrast,** a Jew who **observes the Torah and** its *mitzvos* – **even if he is only one in his** city – possesses the strength of a unified front. Together **with him are all the Jews from the Giving of the Torah onward,** engendering **the power of a great camp to fight for the Torah.**

ד. דָאס אִיז אוֹיךְ אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם, וָואס אִידְן בִּכְלַל זַיְינֶען אַ כִּבְשָׂה אַחַת בֵּין ע׳ זְאֵבִים וְהִיא מִשְׁתַּמֶּרֶת[ט]: וַוְייל דִי ע׳ זְאֵבִים אִיז יֶעדֶער פוּן זֵיי אַ בַּאזוּנְדֶער מְצִיאוּת, אָבֶּער אִידְן זַיְינֶען אַלֶע צוּזַאמֶען, הָאבְּן זֵיי דֶערִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ. אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּנוֹגֵעַ אִידְן גוּפָא, אַז אִין דֶעם צַד שֶׁכְּנֶגֶד אִיז נִיט נָאר וָואס זֵיי הָאבְּן נִיט קֵיין רוֹב, נָאר אֲפִילוּ צְווֵיי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ נִיט, יֶעדֶערֶער אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער מְצִיאוּת, אָבֶּער שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אִיז אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר אִיז נָאר אֵיינֶער בְּמַחֲנוֹ, הָאט עֶר צוּ זִיךְ אַלֶע אִידְן וָואס זַיְינֶען גֶעוועֶן פוּן מַתַּן תּוֹרָה אָן, אַ כֹּחַ פוּן אַ גְרוֹיסֶער מַחֲנֶה אוֹיף לוֹחֵם זַיְין פַאר דֶער תּוֹרָה.

## The Conduit for G-d's Blessings

**5. This also helps us understand the connection between** the conclusion of the Torah, **"before the eyes of all Israel,"** and its opening, **which is read immediately afterwards, "In the beginning, G-d created…" (for as soon as we finish the Torah, we immediately begin it anew). Similarly, there is a connection** between "before the eyes of all Israel" and **the opening of the Torah reading of** ***V'zos HaBracha*****, "This is the blessing…."**

**"In the beginning, G-d created the heavens and the earth"** teaches a fundamental **concept: A Jew must know that "the heavens," spiritual matters, and "the earth," physical matters, were created by G-d. He should not think that "my strength and the power of my hand have made me this wealth."**[9] **Rather, he must know that nothing he has is truly**

ה. דֶערְמִיט וועֶט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל מִיט דֶעם וָואס מֶען לֵייעֶנְט נָאךְ דֶעם - בְּרֵאשִׁית בָּרָא (וָואס בַּאלְד ווִי מֶען עֶנְדִיקְט דִי תּוֹרָה פַאנְגְט מֶען דָאךְ אִיר אָן נָאכַאמָאל פוּן אָנְהוֹיבּ), אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דֶעם וָואס מֶען לֵייעֶנְט פַאר דֶעם, בְּהַתְחָלַת הַפַּרְשָׁה - וְזֹאת הַבְּרָכָה.

דֶער עִנְיָן פוּן בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, אִיז, אַז אַ אִיד דַארְף ווִיסְן אַז אֵת הַשָּׁמַיִם - עִנְיָנִים רוּחְנִיִּים, וְאֵת הָאָרֶץ - עִנְיָנִים גַשְׁמִיִּים, בָּרָא אֱלֹקִים. עֶר זָאל נִיט טְרַאכְטְן אַז כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה, נָאר עֶר דַארְף ווִיסְן אַז

**8.** Cf. ***Midrash Tanchuma, Parshas Toldos*****, sec. 5; the conclusion of** ***Esther Rabbah*****.**

9. *Devarim* 8:17.

**his own** accomplishment. **Everything he owns,** all **the material and spiritual assets he possesses, are his** only **because G-d continuously brings into being the totality of creation – including also the flow** of Divine blessings granted **to him specifically – at every individual moment.**[10]

The concept **alluded to** by the words,[11] **"This is the blessing that Moshe gave…" is that Moshe was the shepherd of the Jewish people.** A shepherd takes care of his flocks; **he guides them so they act desirably in every aspect of their conduct, and all their needs are satisfied through him.**

**This is** reflected in **our Sages' teaching that the manna descended due to Moshe's merit.**[12] This **also** applies to **the Clouds of Glory and the well that** initially were manifest **due to Aharon's and Miriam's merit respectively.** The dependence on Moshe is evident from the fact that **when Aharon and Miriam passed away,** the Clouds of Glory and the well **returned in Moshe's merit.**[12] **In truth, even initially, the flow of** Divine blessing manifested in the Clouds of Glory and Miriam's well **was due to Moshe's** merit; **Aharon and Miriam were merely the** immediate **conduits.** All the blessings were dependent on Moshe. He was the shepherd of the people, and **the concept of a shepherd of Israel is that he provides the Jews with everything they need, whether physical or spiritual.**

**However, receiving the flow** of Divine goodness **from Moshe, the shepherd of Israel – and the extensions** of Moshe **in every generation**[13] **– requires that one stand in *bittul,* self-nullification before him, and seek *hiskashrus,* a bond with him.** A person **must devote himself** to Moshe **in a manner that parallels** the relation of **sheep to the shepherd. Sheep have no personal desires; they go wherever the shepherd leads them. When one has no per-**

קֵיין אֵייגֶענֶע הָאט עֶר גָארְנִיט, אַלְץ וָואס עֶר פַארְמָאגְט, זַיְינֶע גַשְׁמִיּוּת מִיט זַיְינֶע רוּחְנִיּוּת, הָאט עֶר דָאס פוּן דֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְהַוֶּה בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע' דִי כְּלָלוּת הַבְּרִיאָה אוּן אוֹיךְ דִי הַשְׁפָּעָה צוּ אִים בִּפְרַט.

דֶער רֶמֶז אִין וְזֹאת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרַךְ מֹשֶׁה אִיז:

מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז דֶער רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל. עֶר אִיז זֵייעֶר מַדְרִיךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן בְּכָל הַנְהָגוֹתֵיהֶם כִּדְבָעֵי, אוּן דוּרְךְ אִים אִיז מֶען זֵיי מַשְׁפִּיַע כָּל הִצְטָרְכוֹתֵיהֶם.

וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל[יא], יְרִידַת הַמָּן הָיְתָה בִּזְכוּתוֹ שֶׁל מֹשֶׁה. אוֹיךְ דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד שֶׁהָיוּ בִּזְכוּתוֹ שֶׁל אַהֲרֹן וּבְאֵרָהּ שֶׁל מִרְיָם אִיז כְּשֶׁנִּסְתַּלְּקוּ אַהֲרֹן וּמִרְיָם חָזְרוּ בִּזְכוּתוֹ שֶׁל מֹשֶׁה[יב]. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז אוֹיךְ פְרִיעֶר גֶעוֶוען דִי הַשְׁפָּעָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, מֶער נִיט וָואס עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ אַהֲרֹן וּמִרְיָם.

וַוְיילֶע דֶער עִנְיָן פוּן אַ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל אִיז אַז עֶר פַארְזָארְגְט אִידְן מִיט אַלְץ וָואס זֵיי דַארְפְן סַיי אִין גַשְׁמִיּוּת סַיי אִין רוּחְנִיּוּת.

אָבֶער בִּכְדֵי צוּ מְקַבֵּל זַיְין דִי הַשְׁפָּעָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל וְאִתְפַּשְּׁטוּתֵיהּ שֶׁבְּכָל דָּרָא וְדָרָא[יג], דַארְף מֶען שְׁטֵיין בְּבִיטּוּל וְהִתְקַשְּׁרוּת צוּ אִים. מֶען דַארְף זַיְין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַזוֹי ווִי צֹאן צוּם רוֹעֶה, צֹאן הָאבְּן נִיט קֵיינֶע אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, זֵיי גֵייעֶן וואוּהִין דֶער רוֹעֶה פִירְט זֵיי. וּבְשַׁעַת

---

10. **The concept** of continuous creation **is included in the words, "G-d created," as will be explained in sec. 9 below.**

11. *Devarim* 33:1.

12. **Taanis 9a.**

13. ***Tikkunei Zohar, tikkun* 69, p. 114a.**

**sonal desires – not in earthly matters, nor in spiritual matters – but is completely devoted to Moshe, then he becomes a conduit to receive** Moshe's **blessing. "This is the blessing that Moshe gave...,"** which includes **spiritual matters, "from the bounty of heaven,"[14] and physical matters, " from the deep that lies beneath."[14]**

מֶען הָאט נִיט קֵיין אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, נִיט אִין עִנְיָנִים אַרְצִיִּים, נִיט אִין עִנְיָנִים שְׁמֵימִיִּם, נָאר מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּ מֹשֶׁה'ן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ כְּלִי מְקַבֵּל זַיְין דִי בְּרָכָה פוּן וְזֹאת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרַךְ מֹשֶׁה גו' מִמֶּגֶד שָׁמַיִם - עִנְיָנִים רוּחָנִיִּים, וּמִתְּהוֹם רוֹבֶצֶת תָּחַת - עִנְיָנִים גַּשְׁמִיִּים.

## A Three-Step Process

**6.** On this basis, we can appreciate **the connection between** the following three phrases: **"In the beginning, G-d created…," "This is the blessing…," and "before the eyes of all Israel."** The fundamental premise is, **as mentioned previously,[15] that genuinely living with *ahavas Yisrael*** – love for "***all*** Israel" – **is achieved by going beyond oneself,** transcending self-concern entirely.

A three-staged process is involved. First, **"In the beginning, G-d created…."** Based on this verse, **a person internalizes the truth,** realizing **nothing he has is truly his** achievement; **everything he possesses belongs to G-d, Who "renews in His goodness daily and constantly the work of creation."[16] As a result, he devotes himself to Moshe – and the extensions of Moshe** in every generation – and thereby becomes worthy to receive, **"This is the blessing that Moshe gave...."** In doing so, **he transcends his individual existence. He is no** longer **an independent entity; he** becomes **part of the collective of Israel –** "before the eyes of **all Israel."**

ו. אוּן דָאס אִיז דִי שַׁיְיכוּת פוּן בְּרֵאשִׁית בָּרָא מִיט וְזֹאת הַבְּרָכָה צוּ לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, ווָארוּם לוֹיט ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר[ד], אַז בִּכְדֵי מֶען זָאל הַאלְטְן מִיט אַן אֱמֶת בַּיי אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל - כָּל יִשְׂרָאֵל - אִיז דָאס דוּרְךְ דֶעם ווָאס מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן זִיךְ,

בְּמֵילָא אִיז בְּשַׁעַת אַז בַּיי אִים לֵייגְט זִיךְ אָפּ דֶער אֱמֶת אַז קֵיין אֵייגֶענֶע הָאט עֶר גָארְנִיט נָאר אַלְץ ווָאס עֶר הָאט אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס ווָאס עֶר אִיז מְחַדֵּשׁ בְּטוּבוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית - בְּרֵאשִׁית בָּרָא גו', - וּמִצַּד דֶעם גִיט עֶר זִיךְ אִיבֶּער צוּ מֹשֶׁה'ן וְאִתְפַּשְּׁטוּתָא דִילֵיהּ - וְזֹאת הַבְּרָכָה גו' - דֶעמָאלְט גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן זַיְין מְצִיאוּת, עֶר אִיז נִיט קֵיין מְצִיאוּת פַאר זִיךְ, עֶר אִיז אַ חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - כָּל יִשְׂרָאֵל.

## Synergistic Achievements

**7. There is a reciprocal connection between "before the eyes of all Israel" and "In the beginning,** G-d **created…."**

ז. דִי שַׁיְיכוּת פוּן לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל מִיט בְּרֵאשִׁית בָּרָא אִיז אַ צְווֵייעֶנְדִיקֶע.

---

14. *Devarim* 33:13.

15. See Sec. 2.

16. The daily morning prayer service.

**"In the beginning,** G-d **created…" reinforces the Divine service of** "before the eyes of **all Israel" as mentioned above. Similarly,** "before the eyes of **all Israel" prepares one to** put into practice the inner meaning of **"In the beginning,** G-d **created…."**

**On Simchas Torah, every Jew must finish the Torah and begin learning it anew in an** even **loftier manner.**[17] **When a Jew reflects on his** spiritual **standing and situation during the past year, he might think to himself, "I am still entirely unready; how can I possibly relate to this** new beginning?"

The **advice** to resolve this quandary is implied by the phrase, "before the eyes of **all Israel"** – i.e., to bond together with other Jews. Even **if, as an individual, one cannot study the entire Torah and fulfill it himself, by joining with other Jews and supporting those who study Torah, he will have a share in the Torah study of the Jews whom he assists.**

**As our Sages**[18] **taught – and this is also accepted as Torah Law**[19] **– when Zevulun supports Yissachar, he has a share in the Torah that Yissachar studies.**

אַזוֹי ווִי דֶער בְּרֵאשִׁית בָּרָא גִיט כֹּחַ אִין דֶער עֲבוֹדָה פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל כַּנַ"ל, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער כָּל יִשְׂרָאֵל אַן הֲכָנָה צוּם בְּרֵאשִׁית בָּרָא.

שִׂמְחַת תּוֹרָה דַארְף יֶעדֶער אִיד עֶנְדִיקְן דִי תּוֹרָה אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אִיר נָאכַאמָאל פוּן דָאס נַיי אוּן אִין אַ הֶעכֶערְן אוֹפֶן[טו]. אִיז בְּשַׁעַת אַ אִיד בַּאטְרַאכְט זִיךְ אִין זַיְין מַעֲמָד וּמַצָּב בְּמֶשֶׁךְ שָׁנָה הֶעָבְרָה, קֶען עֶר טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר וְלַחֲלוּטִין נִיט פַארְטִיק, אִיז ווִי בִּין אִיךְ שַׁיָּיךְ דֶערְצוּ?

אוֹיף דֶעם גִיט מֶען אִים אַן עֵצָה - כָּל יִשְׂרָאֵל. אוֹיבּ אַלְס פְּרַט קֶען עֶר אַלֵיין נִיט אָפְּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן מְקַיֵּים זַיְין אִיר, זָאל עֶר זִיךְ כּוֹלֵל זַיְין מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, מַחֲזִיק זַיְין לוֹמְדֵי תּוֹרָה, ווָאס דוּרְךְ דֶעם ווֶעט עֶר הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם לִימּוּד הַתּוֹרָה פוּן דִי אִידְן ווֶעלְכֶע עֶר שְׁטִיצְט.

וּכְמַאֲמַר רַזַ"ל אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער דִּין[טז], אַז דוּרְךְ דֶעם ווָאס זְבוּלוּן שְׁטִיצְט יִשָּׂכָר'ן הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִין דֶער תּוֹרָה ווָאס יִשָּׂכָר לֶערְנְט.

## Joy Not Despair

**8. This would all** be valid **if** a person **had no time to study due to his responsibilities, and he fulfills his minimal obligation** to study Torah **by** learning only **a portion in the morning and a portion in the evening. However,** the situation is different when one has **free time** and yet **does not**

ח. דָאס אִיז דָאךְ אַלְץ אוֹיבּ מִצַּד זַיְינֶע טִרְדּוֹת הָאט עֶר נִיט קֵיין צַיְיט צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶר אִיז יוֹצֵא מִיט פֶּרֶק אֶחָד שַׁחֲרִית וּפֶרֶק אֶחָד עַרְבִית, אָבֶּער ווִי אִיז אַז אוֹיךְ אִין זַיְין לֵיידִיקֶער צַיְיט

17. **For this reason, we read the Torah every year because each year, we must study it and carry out its precepts in a loftier manner. (This concept was explained at length in the *sichah*** which serves as the source for this text (*Toras Menachem,* Vol. 12, 88ff.). **This is not the place** for further discussion of the matter.)

18. *Vayikra Rabbah* 25:2, *et al.* In that source, it is explained that the members of the tribe of Zevulun would engage in commercial activity and use their profits to support the members of the tribe of Yissachar, who would devote their energy to Torah study. The members of the tribe of Yissachar agreed to share the merit of their study with the members of the tribe of Zevulun.

19. ***Shulchan Aruch, Yoreh Deah, Hilchos Talmud Torah,* sec. 246:1.**

**study.** There are severe warnings against not using the available time one has for Torah study.[20]

**Nevertheless,** even so, there is **no room for despair. The Rebbeim taught**[21] **that through the path of joy on Simchas Torah, it is possible to accomplish what is achieved on Rosh HaShanah and Yom Kippur through the path of bitterness. This means that even though it is after the entire month of Elul, the days of *Selichos*, Rosh HaShanah, the Ten Days of Repentance, and Yom Kippur – even if one had** still **not repented by the *Neilah*** service of **Yom Kippur, Heaven forbid – nevertheless, when *Simchas Torah* comes, he can repent through the path of joy.** Then – using the potential granted by the Divine service of **"before the eyes of all Israel,"** i.e., **including himself with other Jews,** he can experience renewal. This is possible because his bond with other Jews that stems from **true *ahavas Yisrael* comes from the revelation of the essence of the soul,** the Divine core, where **all souls are identical.**[22] **Since the essence of the soul is always complete,** by tapping into it, a person **can always access the power to begin the Torah anew from the beginning, and** to do so **in a loftier manner** than before.

הָאט עֶר נִיט גֶעלֶערְנְט?

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זָאל עֶר נִיט מְיוּאָשׁ וֶוערְן בַּיי זִיךְ. ווָארוּם דִי רַבֵּיִים זָאגְן, אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה דוּרְכְן קַו הַשִּׂמְחָה קֶען מֶען אוֹיפְטָאן דֶעם זֶעלְבְּן עִנְיָן ווָאס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם כִּפּוּרִים בְּקַו הַמְּרִירוּת. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ בְּשַׁעַת עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען חֹדֶשׁ אֱלוּל, יְמֵי הַסְּלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אוּן יוֹם כִּפּוּרִים, אוּן אֲפִילוּ יוֹם כִּפּוּר צוּ נְעִילָה הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט תְּשׁוּבָה גֶעטָאן רַחֲמָנָא לִצְלַן, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען עֶר טָאן תְּשׁוּבָה בְּקַו הַשִּׂמְחָה. אוּן - לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, כּוֹלֵל זַיְין זִיךְ מִיט אִידְן, ווָאס דָאס קוּמְט מִצַּד גִּלּוּי עֶצֶם הַנְּשָׁמָה, שֶׁהַנְּשָׁמוֹת מַתְאִימוֹת, ווָאס מִצַּד דֶעם קוּמְט דִי אֱמֶת'עֶ אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל[יז]. אוּן אַזוֹי ווִי דִי עֶצֶם הַנְּשָׁמָה אִיז דָאךְ אַלֶעמָאל גַאנְץ, אִיז מִצַּד דֶעם הָאט עֶר אַלֶעמָאל בְּכֹחַ צוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכַאמָאל דִי תּוֹרָה פוּן אָנְפַאנְג, אוּן אִין אַ הֶעכֶערְן אוֹפֶן.

## Renewing Oneself, Remaking the World

**9. The** previous concepts only explained **the connection of "before the eyes of all Israel" and "In the beginning, G-d created...," the beginning of the Torah – that through "before the eyes of all Israel,"** the supportive bond that unites the Jews as a collective, **one has the power to begin the Torah anew.** In addition, there is a **connection** specifically with the content of the verse, **"In the beginning, G-d created (*bara*)...."**

**The word *bara*** also **implies revelation.**[23] Thus,

ט. דָאס אִיז דָאךְ מֶער נִיט ווִי דִי שַׁיְיכוּת פוּן לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ בְּרֵאשִׁית בָּרָא אַלְס אַן אָנְהוֹיבּ פוּן תּוֹרָה, אַז דוּרְךְ לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען בְּכֹחַ צוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכַאמָאל דִי תּוֹרָה פוּן דָאס נַיי. אָבֶער ווָאס אִיז דִי שַׁיְיכוּת צוּם עִנְיָן פוּן "בְּרֵאשִׁית בָּרָא" בִּפְרַט?

דֶער עִנְיָן אִין דֶעם אִיז:

בָּרָא אִיז מִלָּשׁוֹן גִּילּוּי[יח]. בְּרֵאשִׁית

20. *Sanhedrin* 99a; *Shulchan Aruch, Yoreh Deah* 246:25. See *Tanya,* ch. 1.

21. See *Hayom Yom,* entry 22 Tishrei; *Sefer HaMaamarim – Kuntreisim,* Vol. 2, p. 677.

**22. See *Tanya,* ch. 32.**

**23. As reflected in** ***Rashi's*** interpretation of **the phrase (*Chulin* 43b), שמא הבריא (*shema hivri*), "Maybe it projected outward and became visible."**

**"In the beginning, G-d created the heavens and the earth"** could be interpreted as **meaning: "In the beginning" – the beginning of Divine service is to reveal the G-dliness that is found in "the heaven and all its hosts,"[24] and in "the earth and all its hosts."**

**There is Divine power and vitality invested in all created beings – both in the hosts of heaven and the hosts of earth – which brings them into being, gives them life, and sustains them at every moment.** In truth, **this Divine life-force constitutes the entire existence of the created being. It is merely that this life-force is concealed, and the created being sees itself as an independent entity. This is the "beginning (*bereishis*) of Divine service – to cause the Divine life-force to be "revealed" (*bara*).**

**Just as there is G-dliness within every created being, but it is concealed, so too, and all the more so, is there G-dliness within every Jew. This refers to the Divine soul, "an actual part of G-d above,"[25] that each Jew possesses. It is merely that due to the soul being enclothed in the body and animal soul, it is possible for the body and animal soul to conceal and hide the light of the soul, to the extent that** possibly **they will actually fight against it at times.**

To facilitate the revelation of this Divine life-force in the world at large, **one must** first **accomplish** the intent of **"In the beginning, G-d created (*bara*)…" within his own self. He must reveal the soul he possesses, enabling it to emerge from its imprisonment within the body and animal soul and be revealed as it truly is.** This refers to the revelation **not only of the soul's manifest powers** of intellect and emotion, **but also of the essence of the soul that is connected with G-d's Essence. The indication that the essence of**

בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ מֵיינְט: "בְּרֵאשִׁית" דֶער רֵאשִׁית הָעֲבוֹדָה אִיז, "בָּרָא", מְגַלֶּה זַיְין דֶעם "אֱלֹקִים" וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין "אֵת הַשָּׁמַיִם", שָׁמַיִם וְכָל צְבָאָם, אוּן אִין "וְאֵת הָאָרֶץ", הָאָרֶץ וְכָל צְבָאָהּ.

אִין אַלֶע נִבְרָאִים, סַיי אִין צְבָא הַשָּׁמַיִם, סַיי אִין צְבָא הָאָרֶץ, אִיז דָא דֶער כֹּחַ וְחַיּוּת אֱלֹקִי וָועלְכֶער אִיז זֵיי מְהַוֶּה, מְחַיֶּה וּמְקַיֵּים בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע, אוּן דָאס - דֶער חַיּוּת אֱלֹקִי - אִיז דֶער גַאנְצֶער מְצִיאוּת פוּן דֶעם נִבְרָא, עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס דֶער חַיּוּת אִיז בְּהֶעְלֵם, אוּן דֶער נִבְרָא זֶעט זִיךְ אָן פַאר אַ מְצִיאוּת פַאר זִיךְ. אוּן דָאס אִיז רֵאשִׁית הָעֲבוֹדָה, צוּ אוֹיפְטָאן אַז דֶער חַיּוּת אֱלֹקִי זָאל זַיְין בְּגִילּוּי - בָּרָא.

אַזוֹי וְוִי אִין יֶעדֶער נִבְרָא אִיז דָא דֶער אֱלֹקוּת וָואס אִין אִים, נָאר עֶר אִיז בְּהֶעְלֵם, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ וּבְמִכָּל שֶׁכֵּן בַּיי יֶעדֶער אִידְן דָא דֶער אֱלֹקוּת וָואס אִין אִים. דָאס אִיז דֶער נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית, חֵלֶק אֱלוֹקַהּ מִמַּעַל מַמָּשׁ[ט], וָואס אִין אִים. עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס מִצַּד דֶער הִתְלַבְּשׁוּת הַנְּשָׁמָה בַּגּוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית קֶען זַיְין אַז דֶער גּוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית זָאלְן מַעְלִים וּמַסְתִּיר זַיְין אוֹיפְן אוֹר הַנְּשָׁמָה, בִּיז אַז לִפְעָמִים קֶענֶען זֵיי גָאר לוֹחֵם זַיְין מִיט אִיר.

אוֹיף דֶעם דַארְף זַיְין דֶער בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים בַּיי זִיךְ אַלֵיין. מְגַלֶּה זַיְין דִי נְשָׁמָה וָואס אִין אִים, זִי זָאל אַרוֹיסְגֵיין מִמַּאֲסַר הַגּוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אוּן זִי זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן כְּמוֹ שֶׁהִיא, נִיט נָאר אִירֶע כֹּחוֹת הַגְּלוּיִים נָאר אוֹיךְ דִי עֶצֶם הַנְּשָׁמָה וָואס זִי אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט עַצְמוּת, וָואס דֶער סִימָן אוֹיף גִּילּוּי

24. The word *es* implies "all its hosts" (*Bereishis Rabbah, Rashi* 1:14).

25. ***Tanya*, ch. 2.**

עֶצֶם הַנְשָׁמָה אִיז דֶער וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, כַּנַ״ל.

און דוּרְךְ דֶעם בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים וואָס בַּיי זִיךְ, קֶען עֶר מְגַלֶּה זַיְין דֶעם אֱלֹקוּת אוֹיךְ אִין כְּלָלוּת הָעוֹלָם, אִין צְבָא הַשָּׁמַיִם און אִין צְבָא הָאָרֶץ, אַז אִין יֶעדֶער זַאךְ זָאל זִיךְ אָנְהֶערְן בְּגִילוּי אַז אִיר גַאנְצֶער מְצִיאוּת אִיז נָאר אֱלֹקוּת און אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ.

(משיחת ליל שמח״ת, תשח״י)

a person's **soul has been revealed is** his "**love of fellow as himself,**" the theme of "**before the eyes of all Israel,**" **as mentioned above.**

**By achieving** the intent of "**In the beginning, G-d created (*bara*)...**"– the revelation of the G-dliness **within himself – he can reveal the G-dliness invested in the world as a whole, in the hosts of heaven and the hosts of earth. In** this way, **every created being will be permeated with the revelation that its entire existence is solely G-dliness and that "there is nothing else besides Him."**[26]

---

26. *Devarim* 4:35.

---

ד) מעלת חלק מן העצם על פרט מן הכלל נתבאר בהשיחה בארוכה ואין כאן מקומו.

ה) זע המשך תרס״ו צום ענדע (ע׳ תקכב).

ו) היום יום, ט״ו כסלו.

ז) שבת לא, א.

ח) פרק לב.

ח*) אבות פרק ה משנה יז.

ט) תנחומא תולדות ה. אסתר רבה בסופה.

י) וואס דער ענין ווערט נכלל אין די ווערטער "ברא אלקים" (זע ווייטער סעיף יב).

יא) תענית ט, א.

יב) דארט.

יג) תיקוני זהר תיקון סט (קיד, א).

יד) סעיף ה.

טו) וואָס דערפאַר לייענט מען די תורה יעדער יאָר (הענין נתבאר בהשיחה בארוכה ואין כאן מקומו) ווײלע יעדער יאָר דאַרף מען איר לערנען און מקיים זיין אין אַ העכערן אופן.

טז) שולחן ערוך יורה דעה הלכות תלמוד תורה ריש סימן רמו.

יז) ווי עס ווערס דערקלערט אין תניא פרק לב.

יח) כמאמר שמא הבריא - חולין מג, ב.

יט) תניא פרק ב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie